קח לך סמים?...

# אויב דו ווילסט צו סחורה... אט זענען 3 תנאים...

איך בין צוגעגאנגען צום הויז מיט געמאסטענע טריט, און ווען איך בין אריין האב איך געזען דאס פון וואס איך האב אזוי געציטערט. איך האב באלד באמערקט אז די סיבה וואס האט אהינגעצויגן רוב פון די אנוועזנדע, איז זייער ווילן צו טרעפן א פלאץ צו אנטלויפן פונעם ווייטאגליכן מציאות און שוועריגקייטן אין לעבן

דער ווייטאגליכער און צעמישטער מציאות פונעם שטורעמישן לעבן אין אונזער דור, ברענגט מיט זיך אויך א מצב ווי א טייל פון דער יוגנט ווערן ליידער **אדיקטירט** און צוגעבונדן נישט נאר צום **ביטערן טראפ**, נאר אויך צו אומגעוואונטשענע **סחורה און געווירצן... פון איין מין אדער אן אנדערע... גרינגע אדער שווערע...**

דא גייען מיר נישט אריין אין דער פראגע וואס עס איז דער **דעת תורה להלכה ולמעשה** אין דעם נושא, נאר דא ווילן מיר אינאיינעם אריינקלערן און זיך מתבונן זיין דעריין פון א פראקטישער פערספעקטיוו: **לוינט זיך דאס? איז עס כדאי? איז עס ריכטיג?**[1]

***

א געדעכטער אמעריקאנער שניי האט זיך אראפגעלאזט אין גאס, עס האט געשנייט אן אויפהער און דער גאנצער האריזאנט איז געווען ווייס.

דער אדרעס וואס זיי האבן מיר געגעבן איז געווען ערגעץ אין א געדעכטן וואלד, א שטיל פלאץ ווייט אוועק פון שטאט און פון מענטשליכן פארקער, אין שויס פון נאטור, אפגעריסן פון סיי וועלכער פארבינדונג.

א חבר האט מיך איינגעלאדנט און געזאגט אז ס'לוינט איך זאל קומען. ווען איך האב ענדליך באוויזן אנצוקומען צו דער דעסטינאציע האב איך מיך געטראפן אינמיטן נאכט, נאכ'ן גיין א לענגערע צייט אויף שטעגן אין וואלד, אין אן עלנדן הייזקע, א שיין בודקעלע, וואס איז ניטאמאל באהאפטן צו עלעקטריציטעט און וואסער.

טייל פון דער יוגנט ווערן ליידער אדיקטירט און צוגעבונדן נישט נאר צום ביטערן טראפ, נאר אויך צו אומגעוואונטשענע סחורה און געווירצן... פון איין מין אדער אן אנדערע... גרינגע אדער שווערע...

איך האב צוגעטרעטן צום הייזקע מיט געמאסטענע טריט, און ווען איך בין אריין האב איך געזען גענוי דאס פון וואס איך האב געציטערט. עס זענען געזעסן קעגן מיר צענדליגער יונגען וואס טייל פון זיי האב איך דערקענט זייערע פנימ'ער. מיט א שנעלן בליק האב איך גלייך אויפגעפאסט אז די זאך וואס האט אהערגעשלעפט דאס רוב פון זיי, אויב נישט אלע, איז דער רצון זיך ארויסצוראטעווען פונעם ווייטאגליכן מציאות פון טשאלענדזשעס אין לעבן. דא האבן זיי זיך אוועקגעשטעלט א ווינקל וואו זיי טרעפן זיך א פריי ארט און מקום מקלט צו דער וועלט פון טרינקען אסאך אלקאהאל, פון שווערע רייכערן, און אויך פון אומגעוואונטשענע לייכטע סחורה וואס איז לצערינו

1. [וועגן דעם חלק ההלכה אין דעם נושא, זעט אין די פאלגנדע מקורות: הגאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל בספרו שו"ת אגרות משה חלק יורה ד עה חלק ג' (סימן ל"ה); מעדני שלמה (עמוד תל"א) בשם הרה"ג ר' שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל; הרב חיד"ו ווייס שליט"א בספר ובחרת בחיים (אות ו'); חשוקי חמד - בבא מציעא (עמוד שפ"ב); תחומין כרך לג' (עמוד 124); שו"ת אשר חנן חלק ח' (סימן ל"ט); "פסקי דין בדיני ממונות ובבירור יוחסין" כרך ז' (עמוד תק"מ).]

היינט צום געפינען לרוב.

לעקטער, ווי דערמאנט, איז נישט געווען, זענען מיר געזעסן צו דער שיין פון לעכט, און דאס וואסער וואס האט זיך אויסגעפעלט האבן זיי ארויסגעשעפט פון א דערנעבנדיגן טייכל.

***

ווי נאר איך בין אריינגעקומען איז דער אנפירער פון דער גרופע, דער "ראש החבורה", צוגעקומען צו מיר און האט מיך פארבעטן: "קום, זיי דיך מכבד"...

אין אנהייב האב איך נישט ממש פארשטאנען זיין כוונה, אבער ער האט מיך פארבעטן אנטיילצונעמען אין דער פייערונג... "איך בין נישט געקומען וועגן דעם", האב איך גלייך אנגעמערקט. "אויסער א קליין גלעזל לחיים, טרינק איך קיינמאל נישט קיין אלקאהאל אויסער אין הייליגן יו"ט פורים, און אפגערעדט אז איך בין נישט צווישן די וועלכע דארפן מאכן אזעלכע ראלעכלעך מיט די הענט... ברוך ה' אז איך בין פרייליך, רואיג, דאס לעבן איז מיר גוט, אויך אָן די אלע זאכן".

> אפגערעדט אז איך בין נישט צווישן די וועלכע דארפן מאכן אזעלכע ראלעכלעך מיט די הענט... ברוך ה' אז איך בין פרייליך, רואיג, דאס לעבן איז מיר גוט, אויך אָן די אלע זאכן".

קודם האב איך נאך געקלערט צו הייבן פיס און אנטלויפן, ס'איז געווען אביסל צופיל פאר מיר, אבער צום סוף האב איך באשלאסן אז געוויס וועט מען אויך דא קענען ראטעווען אומגליקליכע נשמות וועלכע קוקן ארויס צו לעבן א לעבן פון תורה און קדושה.

עווענטועל, אין לויף פון פילע באגעגענישן מיט יענע חברים, זענען מיר צוגעקומען צו געוויסע מסקנות איבער דעם ענין, און איך שפיר עס איז א חוב קדוש דאס צו ערקלערן אויך אויפ'ן פאפיר.

צו די דאזיגע מסקנות זענען מיר אנגעקומען נאך אסאך ישוב הדעת, אסאך התבודדות און אסאך שמועסן מיט דער דערמאנטער חבורה, שמועסן וואס האבן זיך געצויגן לאנגע יארן און פארנומען שעות על גבי שעות.

***

דער יסוד הדברים איז, אז אונזער הייליגער רבי, מוהר"ן מברסלב זי"ע, האט גוזר געווען אז מיר זאלן זיך נישט צוגעוואוינען אפילו צו ציגארעטלעך, "ער האט אונז שטארק אנגעווארנט אז מיר זאלן זיך נישט צוגעוואוינען צו רייכערן דעם לולקע". דאס זעלבע איז לגבי טרינקען אלקאהאלישע געטראנקען, כאטש וואס אין 'תורה שבכתב' פון ברסלב ווערט געברענגט אז טייל מאל מעג א מענטש טרינקען וויין לפי כוחו, אבער אין 'תורה שבעל פה' זענען געזאגט געווארן אסאך הארבערע אזהרות זיך געזעגנען אפצושיידן פון שארפע געטראנקען אויסער אום שבת, יום טוב, און פורים וואס איז א ספעציעלער טאג.

דער עיקר הסבר דערין איז, אז אונזער הייליגער רבי וויל אז יעדער מענטש זאל דינען דעם אויבערשטן דורך זיין אייגענער און פערזענליכער עבודה מיט זיינע נסיונות, טשאלענדזשעס און שוועריגקייטן אין לעבן, נישט צו אנטלויפן פון זיי, און זיכער נישט דורך אלקאהאל און ענליכע זאכן א שטייגער ווי אומגעוואונטשענע סחורה וועלכע זענען, לצערינו, מצוי היינט צוטאגס.

אסאך וויכוחים און דעבאטעס זענען געפירט געווארן ארום דעם ענין, און די מסקנא וואס איז ארויסגעקומען פון די לענגערע שמועסן איז געווען ווי פאלגנד: א מענטש וואס שפירט אז ער קען פשוט נישט אנגיין אָן טרינקען אלקאהאל און אָן 'ראלן' אביסל פון די לייכטע געווירצן א.ד.ג., א מענטש וואס איז אנגעקומען צו אזא מצב אז ער שטייט קעגן אזא נסיון, דארף ער לכה"פ מחליט זיין אז ער טוט דאס מיט די דריי פאלגנדע תנאים:

**דער ערשטער תנאי איז** צו אנערקענען דאס מציאות: איך דארף וויסן אז איך בין קראנק, נפשיות'דיג און

גייסטיש. איך בין נישט קיין געזונטער מענטש. איך בין נישט אומשטאנד אנצוקומען צו פרייליכקייט און רואיגקייט ווי א געוועונליכער מענטש אָן דעם. דער פאקט אז איך דארף צוקומען צו דעם, אז איך קען מיך נישט דערפרייען און זיין אין א גוטע שטימונג אָן דעם, דאס ווייזט אז בעצם בין איך נישט געזונט.

אסאך וויכוחים זענען געפירט געווארן ארום דעם 'תנאי'. עס איז נישט גרינג געווען פאר די חברים צו מודה זיין און אנקומען צו אזא מסקנא. שווערע דעבאטעס האבן זיך געפירט ארום דעם ווי זיי האבן פרובירט צו טענה'ן: וואס עפעס קראנק? פארוואס זאל מען אזוינס זאגן אויף אונז? וואס איז נישט גוט צו לעבן אינאיינעם מיט דעם אדער נעבן דעם? למעשה איז עס א מציאות און דער מענטש מוז עס אנערקענען.

**דער צווייטער תנאי** איז, עס זאל נישט זיין קיין גאנצער מצב אדער אן "עקספיריענס": דאס איז נישט קיין מסיבה און מ'טוט עס נישט צוזאמען מיט אנדערע. די סיבה איז א פסיכאלאגישע און אויך א פשוט'ע. קודם כל, דאס זיך צוזאמקומען און זיצן אינאיינעם צו נעמען די אומגעוואונטשענע סחורה, ברענגט צו א זייטיגע אומנויטיגע הנאה, וואס וועט דיך צוברענגען דאס צו טון נאכאמאל - און פאר גארנישט און פאר נישט.

אבער אויסער דעם איז אויך שייך דא אן ענין פון אחריות. ס'קען זיין אז דו פערזענליך ווערסט זיך טאקע קענען בלייבן קאנטראלירן אין דער צוקונפט, קען זיין אז דו פערזענליך ווערסט טאקע קענען אנגיין מיט דיין לעבן מיט א פינקטליכער אויפזיכט צו וויסן: ווען צו נעמען און ווען נישט, וויאזוי צו נעמען און וויאזוי נישט, וויפיל צו נעמען און וויפיל נישט. לויט אסאך שטודיעס וועלן רוב מענטשן עווענטועל זיך דערקייקלען צו נישט גוטע פלעצער, אבער לאמיר זאגן אז דו ווערסט זיין צווישן דעם מיעוט און דו ווערסט זיך זיך יא קענען קאנטראלירן דיין גאנצן לעבן. וויאזוי אבער קענסטו דען וויסן אז אויך דיין חבר וועמען דו ווילסט יעצט אזוי שטארק 'מזכה זיין' וועט אויך זיין אזוי שטארק? פון וואנעט ווייסטו אז אויך ער וועט זיך קענען קאנטראלירן אזוי ווי דו וויפיל און ווי אפט צו נעמען?... אפשר מיט דעם וואס דו ביסט אים מכבד אינאיינעם מיט דיר צו טרינקען און צו ראלן, טוסטו בעצם צוברענגען דערמיט אז ער זאל זיך מער צוגעוואוינען דערצו און דערביי חרוב מאכן זיין פערזענליכן לעבן, זיין משפחה לעבן, זיין קהילה לעבן, און זיין פרנסה און קאריערע? אפשר ביסטו יעצט דער גורם אז זיין רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע לעבן זאל גיין א גאנג?


> אפשר מיט דעם וואס דו ביסט אים מכבד אינאיינעם מיט דיר צו טרינקען און צו ראלן, טוסטו בעצם צוברענגען דערמיט אז ער זאל זיך מער צוגעוואוינען דערצו און דערביי חרוב מאכן זיין פערזענליכן לעבן, זיין משפחה לעבן, זיין קהילה לעבן, און זיין פרנסה און קאריערע?


אויך אויף דעם 'תנאי' האב איך געהאט אסאך וויכוחים מיט זיי. זיי האבן נישט פארשטאנען פארוואס ביים טרינקען 'לחיים' מעג מען מכבד זיין די חברים ווידער מיט אביסל 'לייכטע געווירצן' נישט. איך האב זיי ערקלערט דאס אויבנדערמאנטע, און איך האב צוגעלייגט, אז אויך איך, ווען איך האב קאפ-ווייטיק און א מייגרעין, און איך נעם טיילענאל זיך צו בארואיגן און דערלייכטערן מיין קאפ ווייטאג, רוף איך דעמאלט אויך נישט קיין חבר וואס זאל עס נעמען אינאיינעם מיט מיר... איך בין קראנק און איך טו דאס אנערקענען, און דער חבר מיינער דארף אפילו נישט וויסן דערפון.

**דער דריטער תנאי** איז, אז וויבאלד דער באנוץ פון אומגעוואונטשענע געווירצן פארמאגט אויך די סכנה און פאטענציאל צו ברענגען דעם מענטש צו פאלן מאראליש און צוקומען לידי עבירה ועוון, קומט אויס אז אפילו אויב דער מענטש זאל אנערקענען דעם אמת אז ער איז ווירקליך 'קראנק' (ווי דער ערשטער תנאי), און דערפאר שפירט ער טאקע אז ער נישט אומשטאנד צו

לעבן א נארמאלע, געזונטלעכע, פרייליכע און גליקליכע לעבן אָן דעם, און אפילו אויב ער זאל טאקע זיין געווארנט עס צו נעמען אליינס אָן מכבד זיין אנדערע צוזאמען מיט אים (ווי דער צווייטער תנאי), דארף ער אבער אויך זיין זייער געווארנט דאס צו טון דווקא נעבן ספרים הקדושים און זיין אויך דעמאלט נאנט צו א קבוצה רוחניות'דיגע חברים וואס זוכן קרבת אלוקים... און נישט נעבן טעכנאלאגישע כלים אדער חלילה נעבן פלעצער וואס קענען אים ברענגען זיך צו דערקייקלען צו אומגעוואונטשענע און אומריינע פלעצער...

**אויב האלט מען זיך מיט א פעסטקייט צו די דריי תנאים בקביעות**, האט עס א כח צו ברענגען אז די געמאסטענע און אויסגערעכנטע מאס פון די אומגעוואונטשענע געווירצן וואס דער אינדיווידועלער מענטש פאר זיך וועט נעמען, זאל אפשר, עכ"פ צייטווייליג, פארגרינגערן זיין גייסטיגן מצב, און אפשר אויך פארגרינגערן זיינע מעגליכקייטן אין עבודת ה', צי עס איז לגבי דעם חלק פון לימוד התורה אדער לגבי עבודת התפלה, אדער אין אנדערע ענינים פון עבודת ה', אין 'סור מרע' און אין 'עשה טוב'.

***

דאס האט נישט אזוי שנעל פאסירט, אבער געלויבט דעם הייליגן באשעפער - עס האט פאסירט.

דער דערמאנטער ראש החבורה זעלבסט האט זיך געטוישט און איז פארוואנדלט געווארן צו אזא איינער וואס איז היינט שטארק משפיע לטובה אויף צענדליגער חברים!

אין ליכט פון דעם היינטיגן ביטערן מצב ליגט א פליכט אויף יעדן איינעם פון אונז, צו משפיע זיין דעם וואונדערליכן אור צו יעדן ארום אונז, און צו מתפלל זיין אז מיר זאלן אלע מצליח זיין צו משפיע זיין אויף אויף נאך אנדערע מענטשן **אז זיי זאלן דינען דעם אויבערשטן דורך זייער אייגענער בחירה און דורך זייער אייגענער עבודה, זיך צו קענען פארמעסטן מיט זייערע פערזענליכע שוועריגקייטן און ביישטיין די אלע סארטן נסיונות וואס יעדער פון אונז גייט אריבער.**

“

אויב האלט מען זיך מיט א פעסטקייט צו די דריי תנאים בקביעות, האט עס א כח צו ברענגען אז די געמאסטענע און אויסגערעכנטע מאס פון די אומגעוואונטשענע געווירצן וואס דער אינדיווידועלער מענטש פאר זיך וועט נעמען, זאל אפשר, עכ"פ צייטווייליג, פארגרינגערן זיין גייסטיגן מצב, און אפשר אויך פארגרינגערן זיינע מעגליכקייטן אין עבודת ה'

מיר דארפן קלארשטעלן פאר זיך אליין און פאר אלע אונזערע ארומיגע אז עס ליגט אויף אונז א פליכט און ס'איז אויך א זכיה, **זיך צו פארמעסטן אין אלע געביטן פון לעבן דווקא דורך אונזערע שוועריגקייטן און טשאלענדזשעס, און צו מתפלל זיין און זיך אויסרעדן און אויסגיסן דאס הארץ און נפש פאר'ן אויבערשטן אזוי ווי מ'גיסט זיך אויס דאס הארץ פאר'ן בעסטן חבר, צוזאמען מיט שמחה און אמונה און התקרבות לצדיקים און אויספירן זייערע עצות, ביז מיר וועלן אנקומען צו אמת'ע ישוב הדעת און אינערליכע צופרידנקייט**, וואס פון דעם האבן אונזערע הייליגע רבי'ס, מוהר"ן מברסלב זי"ע און זיין תלמיד מובהק מוהרנ"ת זי"ע, אזוי סאך גערעדט, ווייל **ישוב הדעת און שלוה פנימית** אט דאס זענען פון די העכסטע און דערהויבנסטע צילן ביי אלע עניני עבודת השם.

און דאן וועלן מיר לעבן מיט אמת'ע הרחבת הדעת און מנוחת הנפש.

***